STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03247

GEVUNEN DRAY DINTOYRES

Eliezer Kuperman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר קופערמאַן

געוואונען דריי דין־תורות

(אַ מעשה שהיה אינם פאָלקסטימלעכן נוסח)

ניו־יאָרק 1964

GEVUNEN DREI DIN TOIRES

(WINNING THREE TRIALS OR THRICE A VICTOR)

A Tale told in Folk Spirit

Copyright 1964, by

ELIEZER KUPERMAN
New York, N. Y.

Printed in the United States
by
Knight Printing Corp., 382 Lafayette St., New York
96

זלמן, דער גרעסטער מעל־סוחר אינם גאַנצן געגנט אַרום, וואָס האָט געפירט מסחרים מיט אַלע מעל־מילן פון ווייט און ברייט, איז לגבי זיך געווען אַ נישקשהדיקער קמצן, בעת צו זיינע שרייבער און משרתים, וואָס האָבן געאַרבעט אין זיינע מעל־סקלאַדן, איז ער גראָד געווען אַ פזרן, זיי געצאָלט די שענסטע געהאַלטן, און מיט זיין איינפיר פון אַהיימנעמען מעל, וועדליק די באַדערפענישן זייערע, אויף אַלע שבתים און ימים־טובים.

זלמן און זיין ווייב זיינען אַרומגעגאַנגען אין איינפאַכע פּראָסטע קליידער, ווי זיינע שכנים און שכנות אינם שול־געסל. אין די זומערדיקע וואָכנטעג איז ער אַרומגעגאַנגען אין אַ צייגענעם כאַלאַט פאַרווייסט פון מעל, וואו, אין זיין דאַרע־הויכקייט, מיט די ברוינע גרויסע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרווייסטער הויך־הילצערנער סלופּ מיט אַרויסשטאַרנדיקע ברוינע סענקעס.

די ווייב זיינע, גיטעלע די עקרה, ווי מען האָט זי גערופן, איז זומער־צייט אַרומגעגאַנגען אין אַן אַלט ציצענע קלייד, מיט אַן אָפּגעבליאַקירט אויסגעקראָכן שייטל מיט אַ ווייסן שרינט אין מיטן, וואו מיט איר פעטלייביקייט די נידריקע, „פון אונטן און אויבן איין גלייבן", ווי די שניידערישע שכנים זייערע פלעגן עס אויף איר זאָגן, האָט זי אויסגעזען מיטן לאַנג ווייסן שייטעלדיקן שרינט, ווי אַ פאַרנייטער זאַק מיט מעל.

אין די ווינטערדיקע וואָכנטעג, איז ער אַרומגעגאַנגען אין אַן אַלט פאַרווייסטן וואַטאָווענעם פאַלטן, זי, אין איר אַלטער טונקל בלויער ראָטאָנדע, נאָך פון איר חתונה אויסשטייער, וואָס איר טאַטע דער דאַמסקע שניידער לייבעלע קרוציק, האָט מיט זיינע אייגענע הענט דאָס גענייט פאַר איר. אַפילו אין די שבתים און ימים־טובים, זיינען זיי געקומען אין שול אַריין צום דאַווענען אין אַלטע אָפּגעכומלטע בגדים, וואָס האָבן ווי אַראָפּגעווינט פון זיי און נישט געפּאַסט צו זייער גבירישער עשירות׳דיקייט.

אַלע אין שטעטל האָבן שטאַרק פאַראיבל געהאַט אויף זיי, האָבן זיך געשעמט זיי צו פרעגן, היתכן? ווי געשיקט זיך דאָס וואָס אייערע משרתים קומען אין שול אַריין אין לייטישערע שבת׳דיקע מלבושים פאַר אייך? ס׳האָט זיך ווי געוואָלט אים, זלמנען אַ זאָג טאָן ביים גוט־שבת, אָדער גוט־יום־טוב, נאָכן דאַווענען, „עט! ס׳פּאַסט אונדז נישט צום רומל, צו האָבן אונדזער איינציקן נגיד אין שטעטל, אַזאַ קמצן. אַז גאָט האָט אונדז שוין יאָ געהאָלפן מיט קיין עין־הרע אַזאַ עושר, דאַרפט איר אונדז באַשיינען און

באַקרוינען דערמיט״. ס׳האָט זיי אויך פאַרדראָסן זיין וואוינען נאָך אַלץ צווישן זיי אין דער אַלטער איינגעהויקערטער כאַטקע אינם שול־געסל, זיין ירושה׳דיקע הייזקע נאָך פון מלך סאָביעצקיס צייטן. ס׳איז ביי יעדן אינם שטעטל ווי געלעגן אויף דער צונג אים אַ זאָג צו טאָן, ס׳זאָל אים געבן אַ צופּ ביזן זיבעטן ריפּ: „ר׳ זלמן, פאַר וועמען זאַמלט איר אייער עשירות? פאַר אייערע נישט־געבוירענע קינדער?״ דערביי האָבן זיי געטראַכט: „וואָלט ער כאָטש געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, ווי עס טוען דאָס די גבירים פון אַנדערע שטעט, וואָלט ער כאָטש איבערגעבויט דעם אַלטן צעבראָכענעם פּלויט אַרום דעם בית־עלמין, וואו די ציגן עסן פראַנק און פריי די גראָזן פון די קברים, וואָס איז אַ חרפה און אַ בושה פאַר אונדז די לעבעדיקע, און פאַר אונדזערע מתים רחמנא־לצלן״.

די שניידערס, שוסטערס, טרעגערס און די אַנדערע בעלי־מלאכות, זיינע שכנים פונעם שול־געסל, האָבן פאַרדראָסלעך גערעדט צווישן זיך: „אונדזער שטעטל האָט קיין מזל נישט. אַז גאָט האָט אונדז שוין יאָ מזכה געווען מיט אַ גביר אַן אדיר, איז ער אַ טיפּש, וואוינט מיט אונדז אינם געסל, ווי איינער פון אונדז, וואָס מיר אַלע צוזאַמען האָבן נישט די ווערט פון זיין מיסט אַפילו. דאַכט זיך בטבע אַ גוטער מענטש, גיט צדקה בסתר צו אַלע אָרעמע לייט. ווער עס מאַכט נאָר אַ קרומע מינע פאַר אים גייט נישט אַוועק מיט ליידיקן. אָבער ער הויבט זיך נישט צופיל איבער, ער וואָלט נישט חולה זיין, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, ווען ער גיט אַביסל מער״.

„וואָס איז?״ — פלעגט יאָסל דער טאַנדעטנע שניידער מיטן פאַררוקטן וואויל־ייִנגערישן גלאַנצאָוונעם דאַשעק אויף אַ זייט, זאָגן אין אַלטן בית־המדרש, בין מנחה־למעריב, צו די יידן ביי די לאַנגע באַנק אַרום דעם גרויסן ווייס־געקאַלעכטן אויוון, הויך אויפן קול, זלמן זאָל הערן, „אַז גאָט וויל שטראָפן אַ גביר, נעמט ער ביי אים צו דאָס ביסעלע שכל, פאַרשטאָפּט אים די געהירן און בלייבט אָן אַ קליעפּקע אינם קאָפּ. ס׳וואָלט דאָך אים און אונדז געווען וואויל און ליכטיק ווי די וועלט, ווען ער וואוינט זיך אַשטייגער אין אַ שיינער קאַמעניצע מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן אין מיטן מאַרק, אָנגע־טאָן ווי אַ מאַגנאַט אין אַ זיידערנעם שלאַפראַק, וואו מיר אַלע וואָלטן גע־שעפּט נחת; האַ? וואָס זאָגט עטץ?״ חיימל טשאַפּ, דער גבור׳דיקער וואַסער־טרעגער, מיטן געשטופּלטן פּנים ווי אַ ריב־אייזן, העלפט אים אונטער מיטן זאָגן: „ווען ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן מיט זיינע הענטלעך אויף אַרונטער, וואָלט ער דאָך זיך געקויפט די שענסטע שטאָט אין שול, לעבן אָרון־קודש, דאָרטן שטיין מיט אַ ברייטן לאַנגן טערקישן טלית און אַ גינ־

גאָלדענע עטרה, וואָס וואָלט געבלאַנקט איבער דער גאַנצער מזרח־וואַנט. און יעדן יום־טוב, מכבד זיין אַלעמען מיט שמעקנדיקן אויסלענדישן שניפּ־טאַבעק, פון אַ שיינער גאָלדענער, אָדער אַפילו אַ זילבערנער טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז? ער קאָן זיך דאָס נישט פאַרגינען?" פּיוועלע קאַמאַשן־מאַכער, דער מאַכער ביי די בונדיסטן, מורמלט אונטער בייזלעך, אַז „דער בונד האָט קיין מזל נישט, טאָמער האָבן מיר שוין אַ בורזשוי, פּירט ער זיך נאָך ערגער פון אַ פּראָלעטאַריער, און מיר האָבן נישט דאָס האַרץ אַפילו אַ טראַכט צו טאָן, אים אַמאָל *אונטערצוהאַקן* די זייטן".

ווען זלמן איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ חולה־מסוכן, האָט מרדכי נעשעס, דער גבאי פון דער חברה־קדישה, געזאָגט צו די בעלי־בתים ביי די חברה־קדישה'דיקע סעודה, דעם לעצטן שמחת־תורה, ווען ער איז געוואָרן בגילופנדיק: „איידער מיר וועלן זיך צורירן צום נגידישן העכט אונדזערן צו טאָן זיין רעכט, וועט די ווייב זיינע וואָס איז ברייטער ווי לענגער, זיך צאַפּלען ביי אונדז, ווי אַ פעט פישל אינם נעצל, ביים דער־לאַנגען אונדז די אמתע אַפּותיקא, וואָס וועט קלעקן פאַר אַ נייעם פּלויט צום בית־עלמין, פאַר אַ נייעם דאַך פאַרן באָד, און ס'וועט נאָך בלייבן אַ שיינע פּאָר הונדערט קערבלעך פאַר אונדזער חברה".

די איינציקע רעטעניש פאַר אַלע יידן אינם שטעטל, מיטן הויבן די פּלייצעס ביים וואונדערן זיך, הלמאַי, דער אַלטער רב זייערער רבי יאָשע, דער מזג־טוב, איז זלמען אַזוי שטאַרק מקרב, ביים פאַרבייגיין אים אין בית־המדרש, אָדער אין שול ביי דער טיר, וואו זלמן איז געשטאַנען ביים דאַווענען צווישן אַלע בעלי־מלאָכות און אָרעמעלייט.

ווען זלמן איז געשטאָרבן, האָט דער רב תיכף געשיקט דעם שמש, נאָך מרדכי נעשעס, דעם גבאי פון די חברה־קדישה, אים געבעטן צו הייסן דעם קברן זעליג מאַירן אויסגראָבן אַ קבר פאַר ר' זלמן, ביים אַריינגאַנג צום אוהל, פונעם גרויסן צדיק רבי ישראל, זכרונו לברכה. אויף מרדכיס בש־תוממדיקייט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אָפּענעם מויל, געפּלעפּט ווי אָן לשון, האָט צעשפּרייט זיינע דאַרע, לאַנגע הענט, ווי ער וואָלט אים וועלן פרעגן „רבי היתכן — פאַר וועלכע מעשים־טובים?" — ענטפערט אים דער רב, מיט ציטער און באַצערטקייט, בעת פון זיינע אויגן רינען טרערן אויף זיין ווייסער באָרד: „ר' מרדכי, ס'איז נפטר געוואָרן אַ פאַרבאָרגענער צדיק. ס''איז געווען זיין דרך צוליב זיין גרויס ענוות, נישט צו וואַרפן זיך מיט צדקה בפני כל עם ועדה. ר'האָט פיינט געהאַט פרסום. ער האָט גע־וואונען ביי מיר דריי דין תורות".

דער רב ווישט זיך אויס די פאַרטרערטע אויגן מיט זיין רויטער פאַ־טשיילע. מרדכי נעשעס לענט אָן זיינע עלנבויגנס אויפן לאַנגן בית־דין טיש, ביי דער רעכטער זייט פונעם רב, בייסט צערודערט די שמאָלע בלאַסע ליפּן זיינע מיט קראַמפּיקע שטויבונג, לאָזט נישט אַרונטער אויף אַ סעקונדע אַפילו זיינע צעעפנטע ברענענדיקע אויגן, ווי לויכטנדיקע שטורקאַצן, ביים קוקן אויפן רב׳ס דביקות׳דיקן שאָקלען זיך תפילה׳דיק, ווי ביי תפילות־זכאי פאַר כל־נדרי, ווען די געוואונענע דריי דין־תורות פון ר׳ זלמנען ביי אים:

„די ערשטע דין־תורה, איז געווען מיט יאָרן צוריק, בעת דער שריפה ביים מוכר־ספרימניק ר׳ העשעל, וואו אַלע זיינע ספרים, סדורים, מחזורים חומשים, משניות׳ן, טליתים, מיט אַלע זיינע הויז־חפצים, זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף קויל, נישט היינט געדאַכט. ר׳ העשעל האָט זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ שטייענדיק פאַרן אָפּגעברענטן הויז, וואָס האָט נאָך געדויכערט, געבראָכן די הענט פול מיט צער, די אויגן געווענדט צום הימל אין אַ ביטערן געוויין: ׳רבונו של עולם! פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי ביטער באַשטראָפט? כ׳בין דאָך געבליבן אָדם נאַקעט, אָן פרנסה מיט מיין ווייב און קינדער! גאָטעניו דערבאַרעמדיקער! פון וואַנען וועט קומען די הילף צו דיין קנעכט העשעל בן שרה?׳ ווען אַלע צונויפגעלאָפענע יידן פונעם שטעטל קוקן צו אויף דער שרפה, וואו טייל האָבן מיט עמערס וואַסער און לאָפּעטעס ערד געהאָלפן לעשן דאָס פייער, זיינען פאַרנאַכט אַוועק אינם בית־המדרש צו דאַווענען מנחה־ומעריב, האָט ר׳ זלמן אָנגענומען ר׳ העשלען ביי דער האַנט, ווי אַ טאַטע זיין קינד ווען ס׳געפינט זיך אין אַ נויט, האָט אים געטרייסט נישט צו פאַרלירן דעם בטחון אינם רבונו־של־עולם, וואָס שיקט שטענדיק צו די רפואה פאַר דער מכה, אים געבעטן אַריינצוגיין אין זיין שטוב אַריין, האָט אים מיט ווייכע רייד געפרעגט ווי גרויס ס׳איז דער היזק זיינער. ׳האָט איר עפּעס אַ גוט־זאָגער, ווען אַשטייגער איך ליי אייך דאָס געלט מיט אָן עודף פון נאָך אַ הונדערט קערבלעך, וואָס איר וועט דאַרפן פאַר אַ דערוויי־ליקער דירה און אַנדערע הצטרכותן, ביז השם יתברך וועט אייך העלפן זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס?׳ ר׳ העשעלס ענטפער צו ר׳ זלמנען איז געווען: גאָט אין הימל איז מיין איינציקער גוטזאָגער: ר׳ זלמן האָט אים מיט איידלקייט אויסגעציילט דאָס געלט, אים צוגעווינשעוועט ס׳זאָל זיין אין אַ גוטע שעה, מיט ברכה־והצלחה. ׳נאָר נישט געזאָרגט ר׳ העשל. ווי זאָגט מען? נאָך אַ שריפה ווערט מען רייך. קומט לאָמיר גיין אין בית המדרש אַריין דאַווענען מנחה־ומעריב׳.

שפּעטער־צו, ווען ר׳ העשעל איז טאַקע, מיטן אויבערשטנס הילף, צוריק

אויפגעריכט און באַגליקט געוואָרן, איז ער אַ דערפרייטער געקומען צו לויפן מיטן געלט צו ר׳ זלמן אים צוריקצוקערן דעם קרן און דאָס פּראָצענט פאַר דער צייט פון דער הלוואה. ר׳ זלמן האָט אים זייער שיין אויפגענומען מיט גרויס התקרבות. ער האָט זיך, אָבער, אָפּגעזאָגט פונעם אָפּנעמען פון אים דאָס געלט, מיטן זאָגן צום אים: ׳גייט שוין גייט ר׳ העשעל, איר קומט מיר נישט קיין פרוטה. ס׳איז שוין לאַנג אָפּגעצאָלט געוואָרן׳. ס׳האָט נישט געהאָלפן זיינע געבעטן, זיינע טענות־ומענות, ביז ער האָט אים גערופן צו מיר פאַר אַ דין־תורה. ר׳ זלמנס טענה איז געווען, אַז זיין גוט זאָגער, דער רבונו־של־עולם, האָט דאָס אים שוין לאַנג צוריקגעצאָלט כפל־כפלים. ר׳ העשעל האָט זיך געבעטן ביי מיר מיט תחנונימדיקע רייד: ׳רבי, זייט אויף אים גוזר צוריקצונעמען דאָס געלט. כ׳וויל נישט קיין קצבה!׳ כ׳האָב נאָכ־געקוקט אין אַלע ספרים בנוגע דיני־ממונות, און כ׳האָב נישט געקאָנט געפינען קיין דין צו צווינגען ר׳ זלמן צוריקצונעמען דאָס געלט. ר׳ זלמן האָט געוואונען די דין־תורה.

די אַנדערע דין־תורה איז געווען מיט שייקע דעם צירולניק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פרנסה, זינט, ווי איר ר׳ מרדכי געדענקט דאָך אַוודאי, ווען ס׳איז אָנגעקומען פון דער גרויסער שטאָט דער נייער צירולניק, מיט צוויי נייע שער־מאַשינקעס, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון שוועדן. און אַלע אינם שטעטל, סיי גוים, און להבדיל יידן, האָבן דווקא זיך נאָר געוואָלט שערן מיט די נייע מאַשינקעס, צי צוליב דער נייקייט וואָס האָט אַלעמען אַזוי צוגעצויגן ווי אַ כישוף, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, אָדער דער אויבערשטער ווייסט וואָס. אפשר האָט עפּעס געשטעקט אַ קליפּה׳דיקע תאווה צו די מאַשינקעס?״

מרדכי האָט אַרונטערגעלאָזט זיינע אויגן ווי פאַרשעמט, בעת דער רב האָט זיך אָפּגערוט אויף אַ מינוט. ביי דערמאָנען זיך ווי אויך ער איז געלאָפן צום שערן זיך ביים נייעם צירולניק, יאַנקעלע, מיט די פאַרשפּיצטע שוואַרצע וואָנצעלעך ווי מייזן־עקלעך, און האָט טאַקע תאווה׳דיק הנאה געהאַט פון דעם גליטשן זיך פון די ממזרישע ניקעלנע גלאַטע מאַשינקעלעך, וואָס האָבן געגעלעט און געלאַשטשעט די וואַרעמע הויט פונעם קאַרק זיינעם מיט אַזאַ מאָדנע זיסער קילקייט, ווי זיין ווייבס קילע פינגער נאָך טבילה.

דער רב, נאָכן אָפּרוען זיך ביים צוריק אַריינשטופן די רויטע פאַטשיילע אין דער הינטערשטער קעשענע נאָכן אָפּווישן זיך דעם אַביסל פאַרשוויצטן הויכן שטערן, דעם טיף־צעקאַרבטן ווי צעקאַרבטע קאָרע פון אַן אַלטן בוים,

דערציילט ווייטער מרדכין וועגן דער צווייטער געוואונענער דין־תורה צווישן ר׳ זלמן מיטן צירולניק.

„ווען ר׳ זלמן איז געקומען אין אַ פרייטיק אינדערפרי זיך אָפּשערן לכבוד שבת ביים אַלטן צירולניק שייקעלע, האָט ער אים ווי נישט דערקאָנט. שייקעלעס פּנים איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. די גרינלעכע קאַמזויל זיינע האָט פון אים אַרונטערגעהאָנגען ווי אַ ליידיקער זאַק. אַזוי אָפּגע־צערט און אויסגעדאַרט נעבעך, איז ער געוואָרן זינט זיין לעצטן אָפּשערן זיך ביי אים. און אפשר — קנייטשט דער רב דעם שטערן זיינעם — איז ר׳ זלמנס קומען צום אָנשערן זיך ביי שייקען, בלויז אַזאַ אויסרייד געווען? אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט ער ר׳ זלמנען דערציילט פונעם אומגליק זיינעם מיט די מאַשינקעס: ׳כאָטש גיי און דערטרינק זיך אינעם טייך׳ האָט שייקע צו אים געזאָגט. ׳צוזאַמען מיט דעם ווייב און די קיין עין־הרע עלף קינדער אונדזערע זאָלן לעבן. סיידן אַ נס פונעם הימל זאָל געשען, דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין איבער מיר און אונטערוואַרפן אַ טייסטער מיט געגנוג געלט, כ׳זאָל קאָנען פאָרן קיין שוועדן צו ברענגען די צוויי מאַשינקעס און נאָך קאָנען איבערלאָזן מיין ווייב מיט די קינדער אויף עסן פאַר די עטלעכע וואָכן ביזן צוריקקומען פון שוועדן׳.

ר׳ זלמן האָט נאָכן אָפּשערן זיך, מיט אים זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אים געטרייסט און גערעדט צו אים ווי אַ לייבלעכער ברודער: ׳גיי שוין גיי, שייקעלע! די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. ס׳איז דאָ אַ גע־רעכטער גאָט אינם הימל, פול מיט רחמים צו יעדן נויטבאַדערפטיקן׳. דערביי אים אַריינגעשטופּט גוט־ברודעריש, מיט וואַרעמע צוגעלאָזנקייט, זיין לאַנגן אַלט־לעדערנעם בייטל מיט געלט אין דער רעכטער קעשענע פונעם גרינעם קאַמזויל זיינעם. גענומען שייקעלעס רעכטע האַנט ווי צום געזעגענען זיך מיט אים: ׳שייקעלע, פאָר טאַקע באַלד דעם מוצאי שבת מיט דער בויד קיין וואַרשע, און פון דאָרטן קיין שוועדן, און ברענג דיר פון דאָרטן די בעסטע נייעסטע מאַשינקעס. פאָר מיט געזונט און קום געזונט. זאָל זיין אין אַ גוטע שעה. פאַר דיין ווייב און קינדער וועט שוין מיטן אויבערשטנס הילף געזאָרגט ווערן׳. שייקעלע געפּלעפּט אָן לשון, האָט אים אַפילו נישט געקאָנט ענטפערן. אויף זיין ׳אַ גוט שבת׳ זאָגן, האָט ר׳ זלמנען ווי אַ שטומער באַגלייט ביז צו דער טיר, וואו ביי דער שוועל, האָט אים ר׳ זלמן ווי אַריינגעשושקעט אינם אויער אַריין: „שייקעלע, כ׳בעט דיך, מאַך נישט קיין פרסום פון דעם, און פאָר מיטן רעכטן פוס. אַ גוטן שבת דיר און דיין הויז־געזינט״.

ר׳ זלמן פלעגט זיך איבער דער צייט וואָס שייקעלע איז געווען אַוועק פון דער היים, ווי אַריינגנבבענען זיך יעדן דאָנערשטיק ביינאַכט צו שייקען אין הויז, דורך דער הינטער־טיר, מיט אַ זעקל מעל אויף שבת, וואו אינ־וויניק איז געלעגן עטלעכע קערבלעך פאַר דער אויסקומעניש אויף דער וואָך.

ווען שייקע איז צוריקגעקומען מיט די נייעסטע בעסטע מאַשינקעס, איר געדענקט דאָך ר׳ מרדכי ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקלונגען, אַז נישט אַנדערש ווי אליהו הנביא, אַלס פאַרשטעלטער פויער, האָט שייקען גע־ראַטעוועט.

נאָכן אויפגעריכט ווערן מיט פרנסה איבערן מויל, האָט שייקע אַוועקגע־לייגט אַ פרוטה צו אַ פרוטה אין די קעשענעס פונעם קאַמזויל, ביז ער האָט אָנגעזאַמלט דאָס גאַנצע געלט, נאָך מיט אַן עודף אַלס פּראָצענט און דאָס געבראַכט אין אַ שבת־צו־נאַכט נאָך דער הבדלה, צו ר׳ זלמן אין הויז אַריין. זיין פנים האָט געשיינט פאַר שמחה, ווי אַ חתן הינטער די חופּה־שטאַנגען.

ביים אַוועקלייגן דאָס געלט אויפן טיש, מיט דאַנקען פאַרן ראַטעווען אים מיט זיין ווייב און קינדער: „גאָט זאָל אייך באַגליקן וואו איר וועט זיך נאָך קערן און ווענדן, ר׳ זלמעניו!״ ר׳ זלמן האָט גענומען דאָס געלט, עס אים צוריק אַריינגעשטופּט ווי יענעם פרייטיק אין דער זעלביקער קאַמזויל־קעשענע און צו אים געזאָגט מיט ווייכקייט: „שייקע, איר זענט מיר גאָר־נישט שולדיק. ס׳איז נישט מיין געלט געווען. ס׳איז דעם רבונו־של־עולמ׳ס געלט, נישט מיינע. איר הערט וואָס מען רעדט צו אייך? נישט מיין געלט, און פּטור אַן עסק״. ס׳האָט נישט געהאָלפן שייקעס בעטן זיך ביי אים, זיין בייז ווערן און געשרייען: „ר׳ זלמן, כ׳בין אַ בעל־מלאָכה — נישט אַ שנאָרער! כ׳וויל נישט קיין קצבה! כ׳רוף אייך צום רב פאַר אַ דין־תורה!״

ביי דער דין־תורה, די זעלביקע נאַכט, האָט שייקע געוויינט, ווי אַ קליין קינד: „רבי, זייט אויף אים גוזר צוריקצונעמען דאָס געליענע געלט!״ שייקע האָט געדראָעט צו צעברעכן די מאַשינקעס: „כ׳וועל בידיי בעסער הונגערן, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר״! ס׳האָט נישט גע־האָלפן מיין אַריינמישן זיך מיט תחנונים, ער זאָל נעמען דאָס געלט. ר׳ זלמן האָט געטענה׳ט: „רבי, אַ דין־תורה איז אַ דין־תורה. כ׳וואַרף מיך אונטער צו אייער פסק, נאָר נאָכן דין נאָך״. כ׳האָב ווידער גענישטערט און געזוכט צווישן אַלע ספרים און נישט געפונען קיין דין צום נייטן אים צוריקצונעמען דאָס געלט פון שייקען. ר׳ זלמן האָט געוואונען די צווייטע דין־תורה.

די דריטע דין־תורה איז ערשט לעצטן ווינטער געווען, ווען חיימל גנב, איז אַריינגעלאָפן צו מיר אין בית־דין שטוב, אַ פאַרסאַפּעטער, כ׳זאָל שיקן דעם שמש נאָך ר׳ זלמנען, פאַר אַ דין־תורה. חיימל האָט געשריגן מיט אַ פאַרשטיקטן קול, ווי אַ נישט־דערשאָכטענער אָקס אין שעכט־הויז: „רבי, ראַטעוועט!" ווען ר׳ זלמן איז געקומען מיט זיינע געלאַסענע טריט און פאַרזאָרגטן פּנים, גלייך ווי ער וואָלט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַלעמענס זאָרגן, געגעבן חיימלען אַ שלום־עליכם, ווי ער וואָלט זיין זיינסגלייכן. חיימל האָט זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן, זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, ווען ס׳פילט זיך שולדיק אין אָנטאָן אַ מעשה רע. האָט דערציילט מיט כליפּענדיקע רייד, אַז ווען ער איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויס פון דער תפיסה, האָט ער געטראָפן זיין מאַמען אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע, ווי אַן אַלטער שאַרבן, אין אַ קאַלטער שטוב ווי אַ וויסטע קרעטשמע. „ביים ברענגען דעם פעלטשער ראובעלע, נאָכן איינהייצן דעם אויוון ביים באָרגן זיך עטלעכע ליפּעקלעך האָלץ ביי אַ שכנה, איר דערמונטערט מיט אַ גלעזל טיי און אַ ביסל וואַרעם געקעכטס, האָט צו מיר ראובעלע געזאָגט: „חיימל, אויב דו ווילסט האָבן אַ מאַמע, מוזטו איר גלייך אָוועקפירן קיין וואַרשע צו אַ גרויסן דאָקטאָר". און דאָ האָב יאָך נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. בין יאָך אַרויס צומאָרגנס אין מאַרק, ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער יאַריד, און געלקחנט ביי ר׳ נאָטע דער פּאַכטער ביים טשמעלעוווער פריץ, די עטלעכע הונדערט קערבלעך, וואָס כ׳האָב געזען ווי ער פאַרשטעקט דאָס אין דער בוזעם־קעשענע.

ווען ר׳ נאָטע האָט זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט אים באַגנבעט, איז ער אָוועקגעפאַלן אין חלשות. האָט זיך אַ וואַקלדיקער אַנגעלענט אין אַ וואָגן מיט אויבסט, זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ, שטאַמלדיק, ווי גערעדט שטיל צו זיך: „אוי ווי און ווינד איז מיר! די לעצטע געלט מיינע צו באַצאָלן דעם פריץ, ער זאָל מיך נישט אַרויסטרייבן פונעם דאָרף!" —

„רבי, האָט חיימל זיך נאָך העכער צעוויינט, ס׳האָט מיר געגעבן אַ צופּ ביים האַרץ און געוואָלט אים צוריקגעבן דאָס געלט, איז אָט דער ר׳ זלמן פּלוצעם אויסגעוואַקסן פון ווער ווייסט אים פון וואו און פון וואַנען, האָט נאָטען אָפּגעמונטערט פון חלשן, אים אַריינגערוקט קיינער זאָל נישט זען אַ פּעקל מיט געלט, נאָכן אויסגעפינען ביי אים די גרויס פונעם שאָדן, אים איינגערוימט אין אויער אַריין ווי אַ סוד:

„ר׳ נאָטע, שעמט אייך נישט. גייט באַצאָלט דעם פריץ. האָט בטחון אינם השם־יתברך. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. דער עיקר, דערציילט

קיינעם נישט אַז מען האָט אייך באַגנבעט. צו וואָס דאַרפט איר קומען אין לייטנס מיילער? אַז מוועט לעבן, אם ירצה השם, וועט מען זען. גייט געזונ־טערהייט, ר׳ נאָטע!״

„יאָך, רבי, בין מיר געשטאַנען פאַרשטעקט דערנעבן הינטער אַ פּאָר הויכע פויערישע פערד, און אַלץ געזען און געהערט, רבי! ס׳פּנים האָט מיר געפלאַמט פאַר חרפּה. אין דער מינוט בין יאָך געוואָרן אויס גנב. כ׳גנבע נישט מער! יאָך האָב געוואָלט צולויפן מיטן געגנבעטן געלט, דאָס אַנידערוואַרפן און אַנטלויפן, זיינען מיר אָבער די פיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן, אַביסל שפּעטער בין יאָך געלאָפן צו ר׳ זלמנען אין הויז אַריין מיטן געלט, ער זאָל דאָס צונעמען פון מיר. כ׳האָב געשוואוירן איבער מיין מאַמען, אַז כ׳גנבע נישט מער, איז כאָטש האַק און בראָק, וויל ער עס נישט נעמען ביי מיר. ער וויל מיר פאַררײדן די ציין מיט זיינע זיסע גוטע ריידעלעך, רבי!״ האָט ער געשריגן. „נאָט אייך דאָס געלט, זאָל ער דאָס צוריקנעמען. ווען ער מישט זיך נישט אַריין, רבי, וואָלט דער אויבערשטער אינם הימל, דאָס אפשר אַוועקגעקוקט. דאָרטן וייסט מען שוין פון לאַנג, אַז יאָך, חיימל, בין אַ גנב, און מען מאַכט זיך דאָרטן שוין מער נישט קיין גרויסן צימעס דער־פון. נאָך דערצו האָב יאָך דאָס געגנבעט צו ראַטעווען די מאַמען, אָבער אַצינד מיט זיין אַריינמישן זיך, האָט ער דאָך, רבי, דאָרטן אין הימל פאַרקאָכט די ריכטיקע קאַשע! רבי, האָט רחמנות, ראַטעוועט מיך!״ זאָל ער זיך נישט קויפן דעם גן־עדן אויף מיין גנבהשן חשבון!

ר׳ זלמנס טענה, ווי ביי די פריערדיקע דין־תורות: „רבי, כ׳האָב נישט געגעבן מיין געלט. ס׳איז דעם רבונו־של־עולם׳ס געלט, און נישט אין זינען געהאַט, חלילה, חיימלען קיין בייז צו טאָן. זאָל ער בעסער פאָרן ראַטעווען די מאַמען, וואָס איז בילכער פון אַלעם״.

כ׳האָב ווידער געגישטערט אין אַ סך ספרים און האָב בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין דין צום נייטן ר׳ זלמנען צוריקצונעמען דאָס געלט. ער האָט געוואונען די דריטע דין־תורה״.

דער רב, רבי יאָשע, זיפצט שטאַרק אָפּ, ווי ער וואָלט פּטור געוואָרן פון אַ שווערער סודות׳דיקער משא. פון זיינע אַלטע אויגן גיסן זיך צוויי שנירעלעך טרערן איבער זיינע בלייכע באַקן און ווייסער באָרד, זאָגט צום גבאי פון דער חברה־קדישה: „ר׳ מרדכי, אַצינד פאַרשטייט איר שוין וואָרום מען דאַרף ר׳ זלמנען מקבר זיין לעבן אוהל?״

מרדכי נעשעס איז געבליבן זיצן געפּלעפּט, ווי אין אַ הינער־פּלעט, מיטן דאַרן פּנים זיינעם און שמאָלן בערדל, מיט די פאַרשפּיצטע געמבע

און לאַנג דינעם האַלדז, האָט ער אויסגעזען ווי אַ באַוועגלאָזער באָטשאַן, וואָס שטייט אויף איין פיסל, אויף אַ פאַרדאַרטן בוים ביי אַ טייכל.

מרדכי איז מיט געאײַלטע טריט אַרויס פונעם בית־דין שטוב, האָט געבערענגט די בעלי־מתעסקים אינם הויז פונעם שול־געסל צום נפטר גע־וואָרענעם בר־מנן דעם נסתר׳דיקן ר׳ זלמן. ער האָט געפילט ווי אַ גרויסע זכיה ביים מתעסק זיין זיך מיט די טהרה.

מרדכי האָט געהייסן דעם גרעבער, צו גראָבן דעם קבר, אַזוי ווי דער רב האָט געבעטן, ביים סאַמע אַריינגאַנג צום אוהל.

צווישן די פילע מלווים ביי דער לוויה, מיינסטנס די אָרעמע בעלי־מלאָכות, די שכנים זיינע פונעם שול־געסל, וועמען ער האָט בסתרדיק גע־האָלפן, זיינען אויך נאָכגעגאַנגען דער אַלטער רב, רבי יאָשע, מרדכי נע־שעס, ר׳ הערשל דער מוכר־ספרים׳ניק, שייקע דער צירולניק, חיימל גנב, וואָס האָבן ביים וויינענדיקן קלאָגן מיטן רב׳ס יאָמערדיקן זאָגן די פסוקים פונעם מעביר יעבוק, געשעפּטשעט מיט איינגעהאַלטענער שטילקייט, ביים צוקומען צום אויסגעגראָבענעם קבר ביים אוהל, „אַז ר׳ זלמן האָט עס כשר און ערלעך פאַרדינט״.